**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווארנער האקול מעלדט באלד 90 מיליאן דאלאר צו שטיצן פארברייטערטע קריטישע יוגנט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס

***נייע סערוויסעס אין קאפיטאל ראיאן, צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס, הודסאן וועלי, נארד קאונטרי און סאוטערן טיער***

***יוגנטליכע מיט קאמפליצירטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען וועלן באקומען איין-ביי-איין שטיצע און סערוויסעס צו צושטעלן סטאביליטעט פאר די קינד און פאמיליע***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אווארדס דערגרייכנדיג באלד 90 מיליאן דאלאר איבער פינף יאר צו העלפן זעקס פראוויידערס דורכאויס די סטעיט אוועקצושטעלן סערוויסעס וואס שטעלן צו קריטישע שטיצע צו יוגנטליכע וואס פלאגן זיך מיט קאמפליצירטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען. געגעבן דורך די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט, די קריטישע צייט איבערגאנג פראגראם ( critical time transition program) וועט סערווירן יוגנטליכע צווישן די עלטער פון 11 און 17 זיי צו העלפן אויסנוצן איין-ביי-איין שטיצע, צושטעלן סטאביליטעט פאר דאס קינד און זייער פאמיליע, און העלפן דאס קינד פארמיידן פארלענגערטע וויילענישן אין עמערדשענסי אפטיילונגען אדער פסיכיאטרישע עמערדשענסי פראגראמען.

"דורך אינוועסטירן אין די פראגראמען, קענען מיר העלפן מער קינדער מיט קאמפליצירטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען באקומען די סערוויסעס וואס זיי דארפן," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "ניו יארק סטעיט נעמט א נייע צוגאנג צו די פראבלעם דורך צושטעלן איין-ביי-איין שטיצע אפציעס לאקאל דורכאויס די סטעיט און אין עטליכע פעלער, אין אן אזוויי-היים אומגעבונג וואו זיי קענען באקומען די שטאפל פון זארג וואס זיי דארפן ווען זיי ערהוילן זיך."

OMH האט געגעבן בערך 14.5 מיליאן דאלאר איבער פינף יאר צו יעדע פון די פאלגנדע זעקס סערוויס פראוויידערס, פאר א סך הכל פון באלד 90 מיליאן דאלאר דורכאויס אלע פראוויידערס. דאס רעכנט אריין $100,000 אין סטארט-אפ פינאנצירונג צו יעדע פראוויידער צו העלפן צושטעלן באלדיגע שטיצע ארויסצולאזן די פראגראם אויפן וועג.

- נארטאיסט עלטערן און קינד אין שענעקטאדי קאונטי (Northeast Parent and Child in Schenectady County)
- ACCESS CNY אין אנאנדאגא קאונטי (Onondaga County)
- הילסייד אין מאנרא קאונטי
- רעהאביליטאציע שטיצע סערוויסעס אין ארענדש קאונטי (Rehabilitation Support Services in Orange County)
- עסעקס קאונטי ARC אין עסעקס קאונטי (Essex County ARC in Essex County)

- קינדער'ס היים פון וויאמינג קאנפערענס אין ברום קאונטי (Children's Home of Wyoming Conference in Broome County)

די זעקס סערוויס פראוויידערס וועלן נוצן קריטישע צייט אינטערווענירונג, א באוויז-באזירטע פראקטיק וואס נוצט שטיצע פאר מענטשן דורכאויס צייטן פון איבערגאנג. די שטיצעס רעכענען אריין גייסטישע געזונטהייט און אויפפירונג באהאנדלונג; אינטערפערסאנאל און ווידעראויפלעבנדע פעהיגקייטן טרענירונג; פאמאנישע און ערציאונגדיגע פלאנירונג; אינטענסיווע פאמיליע אדער פארזארגער ערציאונג; קאארדינאציע פון אלע סטעיקהאולדערס און סערוויס פראוויידערס; און, ווי נויטיג, אן איבערגאנג אזוי-היים אומגעבונג צו בלייבן און באקומען שטיצע.

יעדע איבערגאנג וואוינענדע אומגעבונג וועט האבן פלאץ צו אקאמעדירן ביז אכט יוגנטליכע. די וואוינונגען וועלן אקאמעדירן קינדער פאר ביז 120 טעג ווען זיי פאסן זיך איין צו זייער שטיצע סיסטעמען און זיי צוגרייטן צוריק צו גיין צו זייער געמיינדע.

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישענער דר. אן סוליוואן האט געזאגט,** "עס איז אלעמאל א פריאריטעט צוצושטעלן סערוויסעס פאר אונזערע יוגנטליכע אין א געמיינדע-באזירטע אומגעבונג פארמיידנדיג שפיטעלער און עמערדשענסי צימערן. די קריטישע צייט איבערגאנג פראגראם וועט צושטעלן אינטענסיווע סערוויסעס פאר יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס אין אן אויפנעמענדע און היילנדע געמיינדע אומגעבונג. די איננאוואטיווע פראגראם איז א רעזולטאט פון די פאראויס-טראכטנדע צוגאנג וואס גאווארנער האקול האט געוויזן מיט איר אנגייענדע געוויכט צו פארשטארקערן אונזער סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט סיסטעם."

פאמיליעס מיט יוגנטליכע וואס האבן קאמפליצירטע געברויכן און שרייבן זיי איין אין דרויסן-פאציענט פראגראמען קענען דארפן נאך שטיצע וואס איז נישט מעגליך גלייך צו באקומען. די פאמיליעס טרעפן זיך אפט פאלאזן אויף פארלענגערטע פארבלייבונגען אין שפיטעלער ווען זייווארטן פאר סערוויסעס און אויב זיי האלטן אז זיי קענען נישט פארזיכערט זיך זארגן פאר זייערע קינדער אינדערהיים.

קינדער און צענערלינגען האבן קאמפליצירטע געברויכן, ארייננרעכענענדיג צוזאמענ-געשעענדיגע אנטוויקלונגס אומפעהיגקייטן און גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען, קענען אפטער מיטמאכן ארויסלאזונג אפהאלטונגען פון העכערע שטאפלען פון זארג ווארטנדיג פאר די צוגעפאסטע געמיינדע סערוויסעס. אויסגעצויגענע שפיטאל פארבלייבונג קען האבן א נעגאטיווע ווירקונג פאר יוגנטליכע מיט קאמפליצירטע אויפפירונג געברויכן, ספעציעל פאר די וואס פארלאנגען זיך נישט די שטאפל פון זארג.

די געזונטהייט-זארג אסאסיאציע (Healthcare Association) פון ניו יארק סטעיט האט לעצטנס ארויסגעברענגט די שוועריקייטן אין א באריכט פארעפנטליכט אין פעברואר, ווייזנדיג אז א אויספרעגונג פון 52 שפיטעלער אין 2022 האבן געטראפן אז מער ווי 500 מענטשן - ארייננגערעכנט קינדער - זענען געבליבן אין שפיטעלער פאר א חודש אדער מער נאכן זיין גרייט ארויסצוגיין. צווישן אנדערע פארשלאגן, האט די באריכט גערופן פאר קריזיס אפרוה איבערגאנג פראגראמען פאר מענטשן וואס לעבן מיט גייסטישע אדער אנטווילקונג אומפעהיגקייטן, אז זיי זאלן קענען לייכטערהייט צוקומען צו וויכטיגע זארג ווען זיי ווארטן צו באקומען א פלאץ אין דרויסנדיגע-פאציענט פראגראמען.

די פראגראם מאדעל איז געמאכט געווארן אין נאנטע צוזאמענארבעט מיט אנדערע קינדער-סערווירנדע ניו יארק סטעיט אגענטורן וואס זענען א שטארקע טייל אויפצולעזן די פראבלעם דורכאויס די סטעיט. דאס נעמט אריין די סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (State Office of Children and Family Services), די סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג אומפעהיגקייטן (State Office for People with Developmental Disabilities), די סטעיט אפטיילונג פון ערציאונג (State

Department of Education) און די קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס (Council on Children and Families).

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמישענער דר. דאמיא העריס-מאדען האט געזאגט,** "באוויזן דורך די אינוועסטירונג און פארשידענע אנדערע איניציאטיוון, האט גאווארנער האקול געוויזן אז זי הערט צו צו די פאמיליעס און סערוויס פראוויידערס וואס זוכן פארלייכטערונג פאר קינדער וואס האבן ספעציאליזירטע געזונטהייט זארג געברויכן. די סיסטעם פלאגט זיך מיט פארצויגענע האספיטאליזאציעס אריינגערעכנדיג קינדער און יוגנטליכע מיט קאמפליצירטע גייסטישע געזונטהייט געברויכן, און עס זענען געווען באגרעניצטע פלעצער נאך-סטאביליזירן. אבער מיט די נייע פינאנצירונג און די באווייז-באזירטע מאדעל, וועלן די רעגירונג און וואלונטירישע אגענטורן האבן נאך מיטלען צו האלטן פאמיליעס צוזאמען, שטיצן וואויל-זיין, און ערמעגליכן א געזונטע איבערגאנג פאר קינדער וואס ווערן ארויסגעלאזט פון די שפיטאל צוריק צו זייערע געמיינדעס."

**אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג אומפעהיגקייטן עקטינג קאמישענער ווילאוו באער האט געזאגט,** "מיט די פינאנצירונג, אדרעסירט גאווארנער האקול א לאך אין זארג וואס באטרעפט צו פיל יונגע ניו יארקערס מיט קא-אקיורונג דיאגנאזעס, פארלענגערנדיג אומנויטיגע האספיטאליזאציע און שטערונגען פאר פאמיליעס. OPWWD איז שטאלץ זיך צאמצושטעלן מיט די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט און די אווארד באקומער צו בויען די אינאוואטיווע און שטארק נויטיגע איבערגאנגס צוגאנג צו זארג."

**סטעיט ערציאונג קאמישענער בעטי א. ראזא האט געזאגט,** "סטודענטן היינט לעבן מיט אומגעהערטע שטאפלען פון דעפרעסיע, ענקזייעטי, עלנדקייט און איזאלירונג. די שוועריקייטן באווייזן די קאמפליצירטע געברויכן פון יונגע מענטשן, וואס פארלאנגען פונקט אזעלכע קאמפליצירטע לעזונגען. צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס איז וויכטיג פאר די וואויל-זיין און אנטוויקלונג פון אונזערע סטודענטן. צוזאמען מיט גאווארנער האקול און אונזערע רעגירונג פארטנערס, זענען מיר איבערגעגעבן צו נעמען באדייטפולע שריט צוצושטעלן די וויכטיגע שטיצע און מיטלען נויטיג פאר אונזערע קינדער צו בליען."

**קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס עקזעקיוטיוו דירעקטאר וואנעסא טרעאטע האט געזאגט,** "די פינאנצירונג וועט העלפן פארזיכערן אז קינדער דורכאויס ניו יארק - די וואס האבן געליטן פון אביוז, נאכלעסיגקייט און טראומא אדער וועמענס קאמפליצירטע פסיכיאטרישע און גייסטישע און אנטוויקלונגס געברויכן פארלאנגען מער ספעציאליזירטע אדער שטארקע סערוויס - באקומען נויטיגע סערוויסעס. אלס די עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס, די סטעיט אגענטור פאראנטווארטליך צו שטיצן קראס-אגענטור צוזאמענארבעט, בין איך ספעציעל אויפגעהייטערט איבער די נייע פראגראם און קוק ארויס צו ארבעטן נאנט צוזאמען מיט די איבערגעגעבענע גרופע פון פראוויידערס צו פארבינדן אונזער סטעיט'ס שוואכסטע יוגנטליכע צו סערוויסעס."

**סטעיט סענאטאר סאמרא דשי. ברוק האט געזאגט,** "אונזערע יונגע מענטשן מיט נישט-צוגעשטעלטע געברויכן מוזן באקומען זארג וואס זוכט צו מינימאליזירן פאמיליע טראומא און פארמיידט פארלענגערטע שפיטאל פארבלייבונגען. מיט גאווארנער האקול'ס 90 מיליאן דאלאר אין שטיצע פון קריטישע יוגנטליכע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, רוקן מיר זיך אין די ריכטיגע ריכטונג - יונגע מענטשן מיט נישט-צוגעשטעלט קאמפליצירטע געברויכן וועלן ענדליך באקומען די איין-ביי-איין אויפמערקזאמקייט, קריטישע צייט אינטערווענירונג, און צופרידנשטעלנדע זארג, אבער מיר ווייסן אויך אז עס איז דא פיל מער וואס דארף געטון ווערן. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט גאווארנער האקול און אונזערע געמיינדע פארטנערס צו פארזיכערן אז אונזערע פאמיליעס באקומען די גייסטישע געזונטהייט און אויפפירונגס שטיצע וואס זיי דארפן צו בליען."

**אסעמבלימעמבער איילין גונטער האט געזאגט,** "אונזערע יונגע מענטשן זענען די צוקונפט, און די אינוועסטירונג וועט צושטעלן מער ארומנעמענדע, געמיינדע-באזירטע זארג פאר די וואס פלאגן זיך. פארשטערקערן די לאקאלע שטיצע סיסטעמען וועט צושטעלן באלדיגע ווירוקנג פאר קינדער, און אין די זעלבע צייט אויך אראפנעמען א לאסט פון אונזער אנגעשטרענגטע עמערדשענסי צימערן און פסיכיאטרישע עמערדשענסי פראגראמען. איך לויב אויס די פינאנצירונג און די גאווארנער'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן אונזערע יוגנטליכע דורכאויס די וויכטיגע צייט אין זייער לעבן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן